## אויף אַ באַל / לייב נײַדוס

אַך, ווי ס'קלינגען דין די ריטמען
פֿון דעם רוישנדיקן שפּיל!
ס'דוכט זיך אויס מיר: דאָס צעשיט מען
רינגען גאָלד'נע אויפֿן דיל.

און די בייגעוודיקע, שנעלע,
יונגע קערפּערס זינגען מיט:
ס'לאַכט פֿאַר פֿרייד די טאַראַנטעלע,
קלויבט די פּאָרלעך און צעשיט.

פּאָרלעך יאָגן זיך און גליטשן,
ציט'ריק שמועסט זײַד מיט זײַד,
ס'בלאַנקען, ס'בליצן ווײַסע שפּיצן —
ס'צוקט אַ פֿלאַם פֿון יעדער זײַט.

הילכיק ברומען די טראָמפּייטן,
און די פֿלייטן העלפֿן טרײַ,
דיקע פּויקן זיי באַגלייטן
מיט אַ טויבער הודזשערײַ.

אָרעמס קייטלען זיך אַלץ פֿעסטער,
נאָר ס'הערט קיינער נישט אין ליד,
ווי אַ פֿידל פֿון אָרקעסטער
בעט זיך, קלאָגט זיך: „כ'בין שוין מיד!“...

יעקאטערינאָסלאַוו, 1915
(*פֿון לידיק*)

## בְּנֶשֶׁף / לייב ניידוּס

עברית: ישׂראלה בקר

אֵיךְ הוֹלֵם בְּשֶׁקֶט קֶצֶב
הַנִּגּוּן הַמְּשֻׁלְהָב!
עַל רִצְפָּה, כָּךְ לִי נִדְמֶה שֶׁ
מְפַזְּרִים טַבְּעוֹת זָהָב.

אֲבָרִים שָׁרִים בְּיַחַד —
צְעִירִים, נָעִים מַהֵר:
הָרִקּוּד צוֹחֵק מְנַּחַת,
זוּג אוֹגֵד, הוֹפּ — מְפַזֵּר.

זוּג נֶחְפָּז וְזוּג מַחְלִיק לוֹ,
מֶשִׁי לְאָחִיו יִלְאַט,
צְחוֹר הַמַּלְמָלוֹת מַבְהִיק פֹּה —
אֵשׁ בּוֹקַעַת מִכָּל צַד.

חֲצוֹצְרוֹת גּוֹעוֹת בְּכוֹחַ,
חֲלִילִים עוֹנִים אָמֵן,
תֹּוף מַכֶּה לְלֹא מָנוֹחַ,
נַהַם בִּלְתִּי יֵאָמֵן.

מִתְהַדְּקוֹת זְרוֹעוֹת עַד שֶׁכְּבָר
אַף אֶחָד אֵינוֹ שָׂם לֵב,
אֵיךְ כִּנּוֹר מִן הָאוֹרְקֶסְטְרָה
"דַּי, עָיַפְתִּי!" מְיַבֵּב.

תל-אביב, ינואר 2022